גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון קב • שנה ב
פרשת פנחס
תשפ"ה

פרשת פנחס

תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוקים. / א דיוק אין פסוק. / די טעם וואס יודן ציילן די יאר לויט די לבנה.

[ב] די אבות האבן געהאט די מידה פון פון אֱמֶת און הַכְנָעָה. / די חשיבות פון בְּחִינַת הַהַכְנָעָה. / ענוה איז מרומז אין אֱמֶת.

[ג] פינחס האט ממשיך געווען די בחינת הַכְנָעָה אויף די יודן. / די תירוץ אויף די קשיא.

## פארווארט

ווען הרה"ק מסטאמאר זצ"ל איז געגאנגען אונטער די חופה אין די לעצטע טעג בחייו פון אביו הקדוש בעל הקדושת יום טוב זצ"ל, האט אים דער קדושת יום טוב געזאגט 'דו ווייסט פארוואס מען מאכט די חופה תחת כיפת השמים' וויל צו ווייזן אז אלעס ווערט געפירט מן השמים.

אזוי איז געווען די דרך פון צדיקים וואס האבן מקיים געווען די פסוק כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂי אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה (תהלים ח, ד) זיי האבן געזעהן די מוסר השכל און די הנהגה פונעם באשעפער דורך די הימל און אירע באשעפענישן.

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין אונז לערנען אויף די וועג, די יודישע פאלק'ס טאג טעגליכע לעבן איז אנגעהאנגען אין די לבנה, און אונז דארפן זיך אפלערנען די מידת הענוה פון די לבנה. און אין די זכות וועט מען זוכה זיין צו אלע השפעות טובות. אכי"ר

[א]

### לשון הפסוקים

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְגוֹ'[א] און דער אייבישטער האט גערעדט צו משה אזוי צו זאגן.

הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי וְגוֹ' בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי [פינחס דער זון פון אלעזר דער זון פון אהרן הכהן] האט צוריקגעקערט מיין צארן [פון אויף די יודישע קינדער] דורכדעם וואס ער האט געצערנט מיין צארן צווישן זיי.

### א דיוק אין פסוק

יֵשׁ לְדַקְדֵּק שֶׁלִּכְאוֹרָה הֲוָה לֵיהּ לְמִכְתַּב לְהֵיפֶךְ און לכאורה דארף מען פארשטיין אז די לשון פון די פסוק וואלט געדארפט שטיין אנדערש אויסגעשטעלט, 'בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי' וְגוֹ'[ב] און עס וואלט געדארפט שטיין 'דורכדעם וואס ער האט געצערנט מיין צארן האב איך צוריקגעקערט מיין צארן פון זיי'.

> וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְגוֹ', הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי וְגוֹ' בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי.
> יֵשׁ לְדַקְדֵּק, שֶׁלִּכְאוֹרָה הֲוָה לֵיהּ לְמִכְתַּב לְהֵיפֶךְ, 'בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי' וְגוֹ'.
> לְהָבִין עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר, הִנֵּה אִיתָא

### די טעם וואס יודן ציילן די יאר לויט די לבנה

לְהָבִין עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר צו פארשטיין די זאך אויף די וועג פון מוסר, הִנֵּה אִיתָא (סוכה כט.) יִשְׂרָאֵל מוֹנִין

א. די לשון הפסוקים זענען: וַיְדַבֵּר ד' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן **הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל -בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם - וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי.**

ב. וויל ווען די פסוק רעדט פון פינחס דארף די תורה ענדיגן זאגן וואס ער האט געטאהן און דערנאך זאל די תורה זאגן וואס ער האט אויפגעטאהן דורכדעם.

**לַלְּבָנָה וְאוּמּוֹת הָעוֹלָם מוֹנִין לַחַמָּה** עס שטייט אין גמרא אז די יודן ציילן די יאר לויט די טעג פון די לבנה און די אוּמּוֹת הָעוֹלָם ציילן לויט די טעג פון די זוהן.

**הָעִנְיָן הוּא לְבָנָה הִיא בְּחִינַת מִיעוּט**[ג] די ענין איז אז די לבנה ווייזט אויף די בחינה פון זיך פארמינערן (מִיעוּט), **שֶׁמִּיעֲטָה אֶת עַצְמָהּ** ווייל די לבנה האט זיך פארקלענערט, **וְגַם יִשְׂרָאֵל מַמְעִיטִין אֶת עַצְמָם לִפְנֵי הַמָּקוֹם** און אויך די יודן טוען זיך פארקלענערן פארן באשעפער.

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים ז, ז) **'כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'ווייל עטס (די יודן) זענט ווייניגער (אין די צאל) פון אלע פעלקער', **וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (חולין פט.) **שֶׁאַתֶּם מַמְעִיטִין עַצְמֵיכֶם לְפָנַי**[ד] און חז"ל האבן גע'דרשנ'ט אויף די ווערטער פון די פסוק 'כִּי אַתֶּם הַמְעַט' אז דאס מיינט צו זאגן 'ענק מאכטס ענק קליין פאר מיר', **הַיְינוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּחִינַת הַכְנָעָה** דאס מיינט אז זיי - די יודן האבן די מידה פון זיין אונטערטעניגט (הַכְנָעָה), **שׁוֹרֶשׁ כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת**[ה] וואס הַכְנָעָה איז די שורש פון אלע גוטע מידות.

(סוכה כט.) יִשְׂרָאֵל מוֹנִין לַלְּבָנָה וְאוּמּוֹת הָעוֹלָם מוֹנִין לַחַמָּה.
הָעִנְיָן הוּא לְבָנָה הִיא בְּחִינַת מִיעוּט, שֶׁמִּיעֲטָה אֶת עַצְמָהּ, וְגַם יִשְׂרָאֵל מַמְעִיטִין אֶת עַצְמָם לִפְנֵי הַמָּקוֹם.

כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ז, ז) 'כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (חולין פט.) שֶׁאַתֶּם מַמְעִיטִין עַצְמֵיכֶם לְפָנַי[א], הַיְינוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּחִינַת הַכְנָעָה, שׁוֹרֶשׁ כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת[ב].

וְאַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה תָּפַס בְּזֹאת הַמִּדָּה, וְאָמַר 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר' (בראשית יח, כז).

א. בגמ' שם: 'לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם' וגו', אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל, חושקני בכם שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני.

ב. ראה מה שכתב רבינו באריכות בזה בפרשת חיי שרה ד"ה ואברהם זקן (הא'): הנה עיקר העבדות הוא בחינת הכנעה וענוה, שיתבונן תמיד בגדולת ה' האיך הוא ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין ותוך כל עלמין (זח"א יא, א), ולית אתר פנוי מניה (תיקו"ז צא, ב), ואם יסתר איש וכו' (ירמיה כג, כד), ויתבונן תמיד במיעוט ערכו ופחיתות עבודתו לה' אשר לו הארץ ומלואה ולו דומיה תהלה, ובמעשיו אשר המה לא לה' לבדו רק שמכוין בהם גם להנאת עצמו, ואפילו בעת אשר לומד ומתפלל בהתלהבות ובתשוקה גדולה ישגיח בעינא פקיחא ויתבונן בזה היטיב ויבדוק ויחפש בחורים ובסדקים, אולי ימצא בהם ג"כ תערובות אשר לא לה' לבדו, וכשיש לאדם בחינת התבוננות וענוה כנ"ל, בזה כלול כל המדות טובות. אבל ח"ו כשיש לאדם בחינת גבהות הלב רח"ל, אפילו שיש לו כל המדות טובות ויושב על התורה ועל העבודה כלא נחשב, מחמת שאין בזה שום השראת שכינה וקדושה, שהוא דוחק רגלי השכינה, כמ"ש בגמרא (ברכות מג, ב).

[ב]

## די אבות האבן געהאט די מידה פון פון אֱמֶת און הַכְנָעָה

**וְאַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה תָּפַס בְּזֹאת הַמִּדָּה** און אברהם אבינו האט זיך אנגעכאפט אין די מידה פון הַכְנָעָה, **וְאָמַר 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר'** (בראשית יח, כז) און אברהם האט געזאגט [וואס בין איך חשוב] איך בין געווען ווערד צו זיין 'עָפָר' (זאמד) ביי די מלחמה מיט די קעניגן און 'אֵפֶר' (אש) ווען נמרוד האט מיר אריינגעווארפן אין קאלך אויוועו.

**וְגַם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אָמַר 'וְנַחְנוּ מָה'** (שמות טז, ז) און אויך משה רבינו עליו השלום האט געזאגט 'און וואס בין איך ווערד'.

ג. דער בת עין מיינט דא צו מרמז זיין אז אויב די לבנה צו וואס יודן גלייכן זיך צו איז מרמז צו די מידה פון ענוה, דעמאלסט איז די זוהן [חַמָּה] וואס איז מרמז צו אוּמּוֹת הָעוֹלָם מרמז צו די מידה פון גאווה. און אויף די וועג גייט באלד דער בת עין טייטשען די פסוק אז דיווארט הֵשִׁיב אֶת 'חֲמָתִי' איז פון די שורש חַמָּה, און ס'מיינט גאווה.

ד. אין די גמ' דארט שטייט: **'לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם' וגו', אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל** [דער אייבישטער האט געזאגט פאר די יודן], **חושקני בכם** [איך גלוסט אין ענק], **שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני** [ווייל אפילו אין א צייט וואס איך מאך ענק גרויס טוט איר זיך נאך אלץ מאכן קליין פאר מיר].

ה. זעה אויך וואס דער בת עין שרייבט באריכות אין פרשת חיי שרה ד"ה ואברהם זקן (הא'): **וַאֲפִילוּ בְּעֵת אֲשֶׁר לוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת וּבִתְשׁוּקָה גְּדוֹלָה** [און אפילו ווען דער מענטש לערנט און דאווענט מיט א גרויסע התלהבות און גלוסטעניש צום באשעפער], **יַשְׁגִּיחַ בְּעֵינָא פְּקִיחָא וְיִתְבּוֹנֵן בְּזֶה הֵיטֵיב** [זאל ער אכטונג געבן מיט א אפענע אויג און גוט אריינטראכטן], **וְיִבְדּוֹק וִיחַפֵּשׂ בַּחוֹרִים וּבַסְּדָקִים** [און ער זאל קוקן און זוכן אין די לעכער און אין די שפאלטענעס], **אוּלַי יִמְצָא בָּהֶם גַּם כֵּן תַּעֲרוּבוֹת אֲשֶׁר לֹא לַה' לְבַדּוֹ** [אפשר וועט ער טרעפן אין די דאווענען און לערנען אויסגעמישט מחשבות וואס זענען נישט פארן באשעפער], **וּכְשֶׁיֵּשׁ לָאָדָם בְּחִינַת הִתְבּוֹנְנוּת וַעֲנָוָה כַּנַּ"ל** [און ווען א מענטש האט אין זיך די מידה פון אריינטראכטן און ענוה ווי אויבענדערמאנט], **בְּזֶה כָּלוּל כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת** [אין דעם איז נכלל אלע מידות טובות]. **אֲבָל חַס וְשָׁלוֹם כְּשֶׁיֵּשׁ לָאָדָם בְּחִינַת גַּבְהוּת הַלֵּב רַחְמָנָא לִיצְלָן** [אבער חס ושלום ווען א מענטש האט די מידה פון גאווה רחמנא ליצלן], **אֲפִילוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת וְיוֹשֵׁב עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה** [אפילו ער האט אלע גוטע מידות און ער זיצט על התורה ועל העבודה], **כְּלֹא נֶחְשָׁב** [ווערט עס גערעכנט פאר גארנישט], **מֵחֲמַת שֶׁאֵין בָּזֶה שׁוּם הַשְׁרָאַת שְׁכִינָה וּקְדוּשָּׁה** [ווייל עס איז נישט דא אינדעם קיין שום השראת שכינה און קדושה], **שֶׁהוּא דּוֹחֵק רַגְלֵי הַשְּׁכִינָה כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּגְּמָרָא** (ברכות מג, ב) [ווייל ער שטופט אוועק די רגלי השכינה ווי עס שטייט אין די גמרא].

וְגַם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אָמַר 'וְנַחְנוּ מָה' (שמות טז, ז), וְדָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה אָמַר 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ' (תהלים כב, ז).

כִּי בְּחִינַת הַכְנָעָה וּשְׁבִירַת הָרוּחַ הוּא חָבִיב מְאוֹד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים נא, יט) 'זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה' וְגוֹ'.

וְהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, בְּחִינַת ה'[ג], וְצַדִּיקִים גְּמוּרִים בְּחִינַת י' קְטַנָּה[ד].

וְזֶהוּ 'שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד' (משלי יב, יט), שֶׁיִּשְׂרָאֵל נִקְרָאִים בְּחִינַת אֱמֶת (עי' זח"ב קפח:).

וּבְדֶרֶךְ רֶמֶז מִלַּת **אֱמֶת** רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל **א**ֵפֶר **מָ**ה **ת**וֹלַעַת, לְרַמֵּז לְאוֹתָהּ בְּחִינָה שֶׁתָּפְסוּ בּוֹ אֲבוֹתֵינוּ כַּנַּ"ל[ה].

ג. מנחות כט, ב: ומפני מה נברא העולם הזה בה"י, מפני שדומה לאכסדרה, שכל הרוצה לצאת יצא, ומ"ט תליא כרעיה דאי הדר בתשובה מעיילי ליה [בפתח העליון בין רגל שבתוכו לגגו, רש"י].

ד. במנחות שם: מפני מה נברא העולם הבא ביו"ד, מפני שצדיקים שבו מועטים, ומפני מה כפוף ראשו, מפני שצדיקים שבו כפוף ראשיהם מפני מעשיהן שאינן דומין זה לזה.

ה. וראה עוד בשל"ה הקדוש פרשת עקב תורה אור: כתיב (דברים ז, ז) 'לא מרבכם' כו', גמרא דפרק כסוי הדם (חולין פט א), אמר כפל 'לא מרבכם' ועוד אמר 'כי אתם המעט'. על דרך (אבות פ"ד מ"ד) מאד מאד הוי שפל רוח. וחשיב שלשה ענוים נגד שלש מעלות, תורה, נביאים, כתובים. משה הוא תורת משה, אברהם נביאים, כמו שנאמר (בראשית כ, ז) 'כי נביא הוא', דוד כתובים. וענותנותן נרמז כמו שנאמר 'כי אתם המעט', 'אתם' ראשי תבות אפר תולעת מה. ועל זה כתיב (תהלים פה, יב) 'אמת מארץ תצמח', כי ענוים יצמחו ויעלו מעלה מעלה.

**וְדָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה אָמַר 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ'** (תהלים כב, ז) און דוד המלך האט געזאגט 'און איך בין חשוב ווי א ווארעם און נישט ווי א מענטש'.

## די חשיבות פון בְּחִינַת הַהַכְנָעָה

**כִּי בְּחִינַת הַכְנָעָה וּשְׁבִירַת הָרוּחַ הוּא חָבִיב מְאוֹד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל די בחינה פון זיין בְּהַכְנָעָה (אונטערטעניגט) און א צובראכן גייסט איז זייער באליבט ביים באשעפער, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים נא, יט) **'זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה' וְגוֹ'**[ו] אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'די קרבנות פונעם באשעפער איז א צובראכן הארץ - א צובראכענע און צוקלאפטע הארץ וועט גאט נישט פארשעמען'.

**וְהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** און האבן א צובראכענע הארץ איז א בחינה פון תשובה, **בְּחִינַת ה'**[ז] וואס תשובה איז די בחינה פון די אות ה', **וְצַדִּיקִים גְּמוּרִים בְּחִינַת י' קְטַנָּה**[ח] און אמת'דיגע צדיקים זענען מרומז אין די קליינע אות י'.

## ענוה איז מרומז אין אֱמֶת

**וְזֶהוּ 'שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד'** (משלי יב, יט) און דאס איז פשט אין פסוק 'א שפראך פון אֱמֶת וועט שטיין פאר אייביג' און נישט ווערן פארטויעשט, **שֶׁיִּשְׂרָאֵל נִקְרָאִים בְּחִינַת אֱמֶת** (עי' זח"ב קפח:) ווייל די יודן וואס ווערן אנגערופן מיט די בחינה פון אֱמֶת וועלן בלייבן פאר אייביג.

**וּבְדֶרֶךְ רֶמֶז מִלַּת 'אֱמֶת' רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל אֵפֶר מָה תוֹלַעַת** און בדרך רֶמֶז קען מען זאגן אז די ווארט אֱמֶת איז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון **א**ֵפֶר **מָ**ה **ת**וֹלַעַת, **לְרַמֵּז לְאוֹתָהּ בְּחִינָה שֶׁתָּפְסוּ בּוֹ אֲבוֹתֵינוּ כַּנַּ"ל**[ט] וואס דאס איז מרמז צו די מדה פון אֱמֶת און הַכְנָעָה וואס די אבות (אַבְרָהָם מֹשֶׁה דָּוִד) האבן זיך אנגעכאפט מיט דעם ווי אויבנדערמאנט.

ו. די לשון פון די פסוק איז: **זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה.**

ז. די אות ה' איז מרמז צו תשובה ווי די גמרא אין מנחות (כט, ב) זאגט: **ומפני מה נברא העולם הזה בה"י** [און פארוואס איז די וועלט באשאפן געווארן מיט א ה'], **מפני שדומה לאכסדרה** [ווייל די אונטערשטע וואנט דערפון איז אפען עס זאל אויסקוקן ווי פארצימער], **שכל הרוצה לצאת יצא** [וואס ווער עס וויל ארויסגיין דערפון קען ארויסגיין], **ומ"ט תליא כרעיה** [און פארוואס איז די פיס פון די ה' הענגעדיג - און נישט באהאפטן פון אויבן] **דאי הדר בתשובה מעיילי ליה** [ווייל אויב ער טוט תשובה וועט מען אים צוריק אריינלאזן פון די אויבערשטע עפענונג צווישן די פוס און די דאך פון די אות ה' - פירוש רש"י].

ח. די גמרא דארט אין מנחות זאגט ווייטער: **מפני מה נברא העולם הבא ביו"ד** [און פארוואס איז די עולם הבא באשאפן געווארן מיט א אות י'], **מפני שצדיקים שבו מועטים** [ווייל די צדיקים וואס זענען דא אין איר זענען ווייניג - און אות י' איז א קליינע אות וואס מיינט ווייניג], **ומפני מה כפוף ראשו** [און פארוואס איז זיין קאפ (שפיץ) איינגעבויגן], **מפני שצדיקים שבו כפוף ראשיהם מפני מעשיהן שאינן דומין זה לזה** [ווייל די צדיקים וואס זענען אין עולם הבא איז די קאפ איינגעבויגן ווייל זיי שעמען זיך איינער פונעם אנדערן, ווייל יעדער איינער איז מער מחשיב דעם אנדערנ'ס מעשים טובים]. דער בת עין מיינט צו זאגן אז די מידה פון הכנעה איז מרומז אין די אות ה' און י' וואס מיט דעם איז די וועלט באשאפן געווארן, וואס ווייזט אויף די חשיבות פון די מידה.

ט. דאס מיינט די פסוק צו זאגן 'שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד' אז די יודן וואס האבן די בחינה פון אֱמֶת וואס מיינט די מידה פון ענוה וועלן בלייבן פאר אייביג. זעה אויך אין פרשת ויקרא אין ד"ה אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם ווי דער בת עין האט א לענגערע שמועס וועגן די בחינת אֱמֶת פון די אבות (זעה אין גליון פז).

> וּפִנְחָס שֶׁהָיָה צַדִּיק גָּמוּר, בְּחִינַת י', לָכֵן נַעֲשׂוּ לוֹ אָז עֲשָׂרָה נִסִּים[ו], בְּחִינַת י'.
>
> וּבָזֶה הִמְשִׁיךְ עַל יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת ה', בְּחִינַת רוּחַ נִשְׁבָּרָה בְּגוֹדֶל הַהַכְנָעָה וּמִיעוּט, בְּחִינַת לְבָנָה, וְנִסְתַּלֵּק מֵהֶם בְּחִינַת גַּסּוּת, בְּחִינַת חֵמָה.
>
> וְזֶהוּ 'פִּינְחָס וְגוֹ' הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', פֵּירוּשׁ שֶׁהֵשִׁיב מֵהֶם הַבְּחִינַת חֵמָה, בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ, וְהִכְנִיס לָהֶם בְּחִינַת לְבָנָה, כַּנַּ"ל.
>
> ו. כן הוא במדרש הגדול פרשת בלק כה, יב, ובמדרש משנת רבי אליעזר פרשה שבע עשרה. והובא באבן עזרא (במדבר כה, ח) וז"ל, וגם יש דרך דרש שנעשו י' נסים לפינחס רק הכתוב לא הזכירם. אמנם בסנהדרין פב, ב: ששה נסים נעשו לו לפנחס. ובמדרש רבה (במ"ר כ, כה) י"ב נסים.

[ג]

## פינחס האט ממשיך געווען די בחינת הַכְנָעָה אויף די יודן

**וּפִנְחָס שֶׁהָיָה צַדִּיק גָּמוּר** און פנחס וואס איז געווען א צַדִּיק גָּמוּר, **בְּחִינַת י'** וואס א צַדִּיק גָּמוּר איז א בחינת י', **לָכֵן נַעֲשׂוּ לוֹ אָז עֲשָׂרָה נִסִּים** און דערפאר איז אים דעמאלסט געשעהן די צען ניסים, **בְּחִינַת י'** וואס די צען ניסים איז א בחינה פון י'.

**וּבָזֶה הִמְשִׁיךְ עַל יִשְׂרָאֵל בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** און מיט דעם האט ער ממשיך געווען אויף די יודן א בחינת קדושה, **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** א בחינה פון תְּשׁוּבָה, **וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת ה'** און די יודן זענען געווארן אין א בחינה פון די אות ה', **בְּחִינַת רוּחַ נִשְׁבָּרָה בְּגוֹדֶל הַהַכְנָעָה וּמִיעוּט** א בחינה פון האבן א צובראכענע גייסט מיט א גרויסע הַכְנָעָה און זיך קליינהאלטן, **בְּחִינַת לְבָנָה** וואס דאס איז די בחינה פון לבנה, **וְנִסְתַּלֵּק מֵהֶם בְּחִינַת גַּסּוּת** און ס'האט זיך אפגעטאהן פון זיי די בחינה פון גאוה און גַסּוּת, **בְּחִינַת חֵמָה** וואס גאוה און גַסּוּת ברענגט אויף זיך די צארן פונעם באשעפער וואס דאס מיינט די בחינה פון חֵמָה.

## די תירוץ אויף די קשיא

**וְזֶהוּ 'פִּינְחָס וְגוֹ' הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** און דאס איז פשט אין פסוק 'און פינחס האט צוריקגעקערט מיין חֵמָה פון אויף די יודישע קינדער', **פֵּירוּשׁ שֶׁהֵשִׁיב מֵהֶם הַבְּחִינַת חֵמָה** דאס מיינט אז ער האט צוריקגעקערט פון זיי די בחינה פון חֵמָה, **בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ**[י] וואס חֵמָה מיינט די בחינה פון גאווה, **וְהִכְנִיס לָהֶם בְּחִינַת לְבָנָה כַּנַּ"ל**[יא] און ער האט זיי אריינגעברענגט די בחינת לבנה וואס איז מרמז צו ענוה ווי אויבענדערמאנט כַּנַּ"ל.

י. ווייל ווי דערמאנט פריער אין הערה 3 אז אויב די לבנה צו וואס יודן גלייכן זיך צו איז מרמז צו די מידה פון ענוה, דעמאלסט איז די זוהן [חַמָּה] וואס איז מרמז צו אוּמּוֹת הָעוֹלָם מרמז צו די מידה פון גאווה. און אויף די וועג טייטשט דער בת עין די פסוק אז די ווארט הֵשִׁיב אֶת 'חֲמָתִי' איז פון די שורש חַמָּה, און ס'מיינט גאווה.

יא. און דערמיט איז פארענטפערט פארוואס די פסוק זאגט קודם 'הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי' און דערנאך זאגט די תורה וואס פינחס האט געטאהן 'בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי', ווייל אויך די ווערטער 'הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי' איז פון וואס פינחס האט געטאהן זיין מעשה, ווייל די ווערטער גייט נישט ארויף אויפן באשעפער אזוי ווי עס איז פשוטע פשט, נאר ס'מיינט צו זאגן אז ער האט צוריקגעקערט די מידה פון גאווה פון די יודישע קינדער. און דערנאך זאגט די תורה ווי אזוי ער האט עס געטאהן, 'בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי' און דורכדעם דעם האט ער אראפגעברענגט א בחינת קדושה אויף גאנץ כלל ישראל און זיי אריינגעברענגט אין די מידה פון ענוה.

**גליון זה נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו לזכות לכל הברכות. אכי"ר**

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

צו צושטייער געבן פאר הוצאת הגליון רופט 9175865465 תזכו למצוות

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com